**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/29/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול, יו-עס דעפארטמענט פון אינערליכע אנגעלעגנהייטן און אנאנדאגא נאציאן אנאנסירן איינע פון די גרעסטע אומקער פון לאנד-שטח צו א היגע-אלטאפשטאמיגע פאלק דורך סיי וועלכע סטעיט**

***איבער 1,000 עיקערס אין צענטראל ניו יארק׳ס טולי וואלי אומגעקערט צו אנאנדאגא שבט צו שאפן א באשעפעניש-וועלט און ברוק-טראָוט בעלי-חיים-רעזערוואט***

***אפענע-לופט ערטער באשיצט, קולטורעלע פירונגען געשטיצט, פובליק צוטריט פארזיכערט נאכפאלגנדיג אפמאך פארבינדן צו אנאנדאגא לעיק פארפעסטונג הסכם***

גאווערנער קעטי האוקול, אינאיינעם מיט יונייטעד סטעיטס דעפארטמענט פון אינערליכע אנגעלעגנהייטן סעקרעטארשע דעב האאלאנד און אנאנדאגא פאלק טאדאדאהא סידני היל, האט היינט געמאלדן א היסטארישע הסכם אלס טייל פון דעם אנאנדאגא לעיק נאטורליכע רעסורס שאדן אפשאצונג און אויפריכטונג פראגראם וואס וועט אומקערן איבער 1,000 עיקערס פון סצענישע לאנד-שטח צו דעם שבט. אלס נאטורליכע רעסורס אפטורופסים פאר׳ן אפמאך מיט ׳האניוועל׳ אינטערנאציאנאל אינק., דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג און דעם דעפארטמענט פון אינערליכע אנגעלעגנהייטן׳ס פיש און באשעפענישן סערוויס אונטערגעשריבן א רעזאלוציע וואס פאראורדענט פאר ׳האניוועל׳ צו טראנספערירן די פארמאגערשאפט צו איבער 1,000 עיקערס פון אפענע-לופט ערטער אין צענטראלע ניו יארק׳ס טולי וואלי צום אנאנדאגא שבט — איינע פון די גרעסטע לאנד-שטח אומקערס דורך סיי וועלכע סטעיט צו אן אלט-געזעצענע שבט.

״היינט איז א היסטארישער טאג פאר ניו יארק סטעיט, דער ביידען אדמיניסטראציע, און אונזערע פילע צוזאמארבעטער אין פארעהרן און אנערקענען דעם אנאנדאגא שבט אלס די ארגינעלע אפטורופסים פון די לאנד-שטחים און וואסערן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״די סצענישע ארט אין דער טולי וואלי וועט זיין באזיצט דורכ׳ן שבט און אירע מענטשן אויף פארצוזעצן ווייטער זייער לעגאט פון אפהיט וואס וועט באשיצן די קולטורעלע און עקאלאגישע אוצרות פאר׳ן בענעפיט פון שבט בירגער און אלע ניו יארקער פאר פילע קומענדיגע דורות.״

**דעפארטמענט פון אינערליכע אנגעלעגנהייטן דעב האאלאנד האט געזאגט**, ״דער היסטארישער אפמאך פארטרעט אן אייגנארטיגן געלעגנהייט צוריקצוגעבן טראדיציאנעלע היימלענדער צו היגע-אלטאפשטאמיגע צו זיין אפטורופוסים פאר׳ן טובה פון זייער קאמיוניטי. מיר קוקן ארויס צו ציען אויף די קענטעניס פון אנאנדאגא שבט און די מבינות פון די היגע-אלטאפשטאמיגע אין העלפן פארוואלטן דעם געגנט׳ס ווערדפולע באשעפעניש-וועלט און וואוין-ערטער. אין איינקלאנג מיט דעם פרעזידענט׳ס *׳אמעריקע די הערליכע׳* איניציאטיוו, האבן מיר אלע א ראלע צו שפילן אין דער אדמיניסטראציע׳ס ארבעט צו פארזיכערן אונזערע אפהיט באמיאונגען זענען ארטיג-אנגעפירט און שטיצן קאמיוניטיס געזונט און וואוילזיין.״

**טאַדאַהאַ סידני היל האָט געזאָגט,** ״עס איז מיט גרויס פּרייד אַז דער אָנאָנדאַגאַ שבט נעמט אויף דאָס אומקער פון די ערשטע באַדייטנדע צאָל עיקערס פון אירע אור-אַלטע היימלענדער. דער שבט קען איצט באַנייען איר אַפּטראָפּוס׳שאַפט פליכטן אויף אויפצוריכטן די ערד-שטחים און וואַסערן און זיי אָפּצוהיטן פאַר צוקונפטיגע דורות וועלכע דאַרפן נאָך אָנקומען. דער שבט האָפט אַז די צוזאַמענגעאַרבעטע רעגירונג-צו-רעגירונג באַמיאונג וועט זיין נאָך אַ טריט אין היילן צווישן זיך און אַלע אַנדערע וועלכע וואוינען אין דעם ראַיאָן וועלכס איז געווען די היימלאַנד פון דעם אָנאָנדאַגאַ שבט זינט אָנהייב פון די צייט.״

דער היסטאָרישער אָפּמאַך איז אַ רעזולטאַט פון די מערץ 2018 NRDAR אָפּמאַך צווישן די טראָסטיס און ׳האַניוועל׳ אינטערנאַציאָנאַל אינק.,. און וועט איבערגעבן די באַזיצערשאַפט פון די ערד-שטח באַזיצט דורך ׳האַניוועל׳ צו די אָנאָנדאַגאַ שבט צו אויפריכטן און פּאַרוואַלטן די פּראָפּערטי ניצנדיג טראַדיציאָנעלע עקאָלאָגישע קענטעניס (TEK), היסטאָרישע קולטורעלע פּירונגען, און גרונטליכע וויסנשאַפט.

די טולי וואַלי פּראָפּערטי רעכנט אַריין די קעפּל-וואַסערן פון אָנאָנדאַגאַ קריעק, איבער 45 עיקערס פון וועטלענד און פלייצונג-פלאַכן און אומגעפער 980 עיקערס פון וואַלד און אַרבטייל פעלדער. די קאַלטע וואַסערן פון אָנאָנדאַגאַ קריעק שטיצט אַ קליינע באַפעלקערונג פון ברוק-טראַוט, וועלכע קען איצט אויפגעראַכטן ווערן מיט פּאַסיגע אַפּטראָפּוס׳שאַפט. די וועטלענדס, פלייצונג-פלאַכן, וועלדער, און פעלדער זענען דער היים אָרט צו בעלי-חיים ווי גרויסע בלויע רעגער, זונג-פויגל, שווים-פויגל, פאַלקן, ליסע-אַדלער, פּרעש, פלעדערמויזן און אַנדערע בעלי-חיים אַריינגערעכנט ווייסע-ווייִדל הערשן.

די פעדעראַלע שבט-סטעיט צוזאַמאַרבעט וואָס האָט געפירט צו דעם אומקער פון דער פּראָפּערטי צו די אָנאָנדאַגאַ פאָלק וועט אַריינרעכענען אַן אָפּהיט איזמענט מיט DEC. די איזמענט וועט באַשיצן און אויפריכטן נאַטורליכע ערטער, אַריינגערעכנט פיש און באַשעפעניש וואוין-ערטער, און ערמעגליכן פאַר פּאַסיגע אָפּנלופטיגע פאַרווייליונג און בילדונג באַניץ, אַריינגערעכנט פובליק צוטריט צו פעלאָו פּאָלס.

**דעפּאַרטמענט פון ענוויירעמענטאַלע אָפּהיטונג קאָמישענער באַסיל סעגאָוס האָט געזאָגט,** ״מיר גראַטולירן דער אָנאָנדאַגאַ שבט, סעקרעטאַרשע האַאַלאַנד און אונזערע פילע פעדעראַלע, סטעיט און אָרטיגע צוזאַמאַרבעטער אין זיך פרייען מיט די אָנגייענדע אויפריכטונג פון צענטראַל ניו יאָרקער קאָמיוניטיס פון אַ היסטאָריע פון פאַרפּעסטונג. מיט די היינטיגע מעלדונג, איז ניו יאָרק סטעיט אַ נאַציאָנאַלע פירער, אָנערקענענדיג די טראַדיציע פון נאַטורליכע אוצר באַשיצונג באַזאָרגט דורך אונזער היגע-אַלטאָפּשטאַמיגע שכנים און טראַנספערירן איבער 1,000 עיקערס ערד-שטח צו דעם אָנאָנדאַגאַ שבט צו אָפּהיטן און אויפפּאַסן דערויף.״

**סענאַטאָר טשאַק שומער האָט געזאָגט,** ״דער היסטאָרישער אָפּמאַך וועט אומקערן איבער 1,000 עיקערס פון נאַטורליכע לאַנדשאַפט צו דעם אָנאָנדאַגאַ שבט וואו עס באַלאַנגט מיט רעכט. ווידעראַמאָל וועט דער אָנאָנדאַגאַ פאָלק האָבן צוטריט צו די אויסקוואַלן פון אָנאָנדאַגאַ קריעק, אַרומיגע וועלדער, און נאַטורליכע לאַנדשאַפט פון דעם סצעניש טייל פון צענטראַל ניו יאָרק.  איך אַפּלאַדיר סעקרעטאַרשע האַאַלאַנד, גאַווערנער האָוקול, און די פירער פון אָנאָנדאַגאַ שבט פאַר׳ן אַרבעטן אינאיינעם צו פאַרמיטלען דעם היסטאָרישן אָפּמאַך און פאַרשפּרעכן מיין פולע שטיצע צו ווייטער שטיצן די אָנאָנדאַגאַ פאָלק אויף צו באַהיטן אויף זייערע ערד-טיילן און פאַרזיכערן אַז זיי האָבן די פולקאָמע רעסאָרסן אין וועלכע זיי נייטיגן זיך אויף צו בויען אַ ליכטיגערע צוקונפט.״

**סטעיט סענאַטאָרקע רעיטשעל מעי האָט געזאָגט,** ״איך נעם אויף מיט צופרידנהייט דער אויסמעלדונג אַז די אויסקוואַלן פון אָנאָנדאַגאַ טייכל און איבער 1,000 עיקערס אין טולי וואַלי וועט אויפגעראַכטן ווערן צו די אויפפּאַסונג פון דעם אָנאָנדאַגאַ שבט. איך בין אַנוועזנד געווען פילע מאָל ווען מיטגלידער פון דעם

שבט האבן גערעדט מיט טיפע הרגש איבער די ערד-שטחים, איבער פישכאפן אין די קריסטאל ציכטיגע וואסערן פון דעם טייכל, און איבער זייער פונדאמענטאלע קרוב׳שאפט צו די ערד-טיילן, וואסערן, פלאנצונגען, בעלי חיים, און נאטורליכע פראצעסן דארט. דער שבט האט קיינמאל נישט אויפגעהערט איר איבערגעגעבנקייט צו אויפפאסן פאר די ערד-שטח דורך די פירונג פון טראדיציאנעלע עקאלאגישע קענטעניס און אקטיווע, היילן דאנקבארשאפט. איך גלייב אז דער באשלוס וועט זיין גינציג פאר אלע וועלכע וואוינען אין דעם לאנד, און דאנקען די פילע פארטייען וועלכע זענען צוזאמגעקומען צו שליסן דעם אפמאך.״

**אסעמבלי-מיטגליד פאמעלא הונטער האט געזאגט,** ״די היסטארישע אומקער פון היגע-אלטאפשטאמיגע ערד-טיילן צום אנאנדאגא שבט איז די ריכטיגע זאך צו טון און פארזיכערט אז די ערד-טיילן וועלן זיין ענוויירענמענטאל אפגעהיטן פאר די קומענדיגע דורות. איך קוק ארויס צו די אויפריכטונג פון עקא-סיסטעמס ווי אויך אלס דער אומקער פון שטאנדהאפטיגע געיעג און פישכאפן פירונגען דורך שבט איינוואוינער.״

דער אנאנדאגא שבט וועט אויסארבעטן אן אויפריכט פארוואלטונג פלאן, אין באראטונג מיט די טראָסטיס, צו באשטימען די סארט און מאס פארוויילונגס און פובליק באניץ וועלכע וועלן נישט שטערן מיט דעם שבט׳ס צוריקשטעלן פון קולטורעל און עקאלאגיש באדייטנדע היגע-אפשטאמיגע פלאנצונגען און באשעפעניש וואוין-ערטער.

די פינאנצירונג און איינפירונג פון NRDAR פראיעקטן דורך די טראָסטיס איז א רעזולטאט פון די לעגאלע הסכם שליסונג מיט ׳האניוועל׳ נאכפאלגנדיג דאס פריערדיגע ארויסלאזן פון אריינגערעכנטע מערקורי און אנדערע געפארפולע סובסטאנצן צו אנאנדאגא לעיק, איר בייטייכן און הויכלענדער. אלס טייל פון דעם אנאנדאגא לעיק NRDAR פראצעס, טוט דער USFWS און DEC אפשאצן פארפעסטונג-פארבינדענע שאדן צו נאטורליכע רעסורסן ווי שווים-פויגל און טשערפאכע, און אפגעמאסטן די פארלוירענע באניץ פון נאטורליכע רעסורסן צו דעם פובליק, ווי צ.ב.ש. פישכאפן. די אגענטורן האבן דאן פארבעטן אויפריכטונג פראיעקט המצאות פון א ברייטע ריי סטעיקהאָלדער און דעם אנאנדאגא שבט צו אידענטיפיצירן די סארטן און מאסן פון אויפריכטונג נייטיג אויף פארגוטיגן פאר די נאטורליכע אוצרות שאדנס, ווי אויך פראיעקטן וועלכע קענען העלפן אדרעסירן קולטורעלע פארלוסטן צו דעם שבט און אירע בירגער.

׳האניוועל׳ אינטערנאציאנאל איז פארלאנגט דורכ׳ן אפמאך צו איינפירן 18 אויפריכטונג פראיעקטן, אריינגערעכנט דער טולי וואלי ערד-שטח טראנספער היינט אויסגעמאלדן, און צאלן איבער 5 מיליאן דאלער פאר די טראָסטיס איינפירן צוגעגעבענע אויפריכטונג פראיעקטן אין און ארום דעם אנאנדאגא לעיק וואסער-אפשייד. פראיעקטן פארענדיגט אדער אינערערהאלב דעם פראצעס רעכענען אריין 100 עיקערס פון גראז-שטח אויפריכטונג; אפהיטונג און אויפריכטונג פון א צוגעגעבענע 850 עיקערס פון באשעפעניש וואוין-ערטער אינערהאלב דעם אנאנדאגא לעיק וואסער-אפשייד; א פובליק שיף ראמפע לענגאויס דעם סענעקע טייך; פארשטערקערטע באשעפעניש וואוין-ערטער און פישכאפן געלעגנהייטן לענגאויס די ברעגעס פון אנאנדאגא לעיק און אין ניינמייל קריעק; א פובליק שיף ראמפע לענגאויס דעם סענעקע טייך; אן אויסציאונג פון דעם עמפייער סטעיט טרעיל פון קאמילוס ביז הארבאר ברוק; און די טראנספער פון דעם ׳האניוועל׳ באזוך צענטער צו דעם סטעיט.

[קאָפּיעס פון דער אויפריכטונג פלאן פאר אנאנדאגא לעיק](), קענען געפונען ווערן אויף דעם USFWS וועבזייטל. פאר מער אינפארמאציע איבער דאס אויפרייניגן אנאנדאגא לעיק, באזוכט [דא]().

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן